■ צוזאַמען מיט אַלע יידן פון דער גאָרער וועלט, ווינטשט אויך די רעדאַקציע „שפּילקעס״ צום בר־מצווה־יאָר פון מדינת ישראל, דעם נשיא המדינה, יצחק בן צבי, דעם ראש הממשלה דוד בן־גוריון, דער צבא הגנה לישראל, דעם גאַנצן ישראלדיקן ישוב אַ בליענדיקע און גליקלעכע צוקונפט אין אַ וועלט פון שלום. ■

פּאַריז, 1־טער מאַי 1961

שפּילקעס

נר. 1

סאַטירישער חודש־זשורנאַל דערשיינט מיט אַ רעגלמעסיקער פּאַרשפּעטיקונג יעדן צווייטן ערשטן

רעדאַקטאָר א. א. ליבערמאַן

די רעדע וואס אייכמאנס פארטיידיקער וועט נישט האלטן

„הויכער יירישער בית דין!

„איך האָב ביים סאַמע אָנהויב געפּרוווט „אייך — וואָס אַן אמת — איינרערן, אַז „מיין קליענט איז אַן אומשולדיק לעמעלע. „מען האָט מיר רערפאַר באַצאָלט, אַז איך „זאָל אַזוי זאָגן. אָבער אייך, יידן, איינצו־„דערן, אַז „אויפן הימל איז אַ יאַריר״, איז „דאָך נישט מעגלעך, בין איך מסכים מיט „אייך, אַז אייכמאַן איז אַן אויטענטישער „נאַצי־אויסוורף„ אַ מערדער, וואָס האָט „זיך פאַררינט זעקס מיליאָן מאָל דעם „טויט — טראַצדעם וואָס ער זאָגט אַז ער קען נישט זען קיין בלוט. ראָס מיינט ער זיין אייגן בלוט...

„אַלס אַדוואָקאַט און אַלס רייטש דער־„צו וועל איך אייך נישט בעטן קיין רח־„מנות. איך ווייסט עס זיכער אויך וואָס „אונזער „גדאָססעד״ פילאָזאָף ניטשע האָט „געזאָגט: „ווו געפינט זיך דיין גרעסטע „געפאַר? אינעם רחמנות״ 1).

„אָבער איך האַלט, אַז יידישע הענט „דאַרפן זיך צו אַזאַ העסלעכן שרץ נישט „צורירן. נאָכדעם ווי איר וועט אים האָבן „פאַרמשפט צום טויט, זאָלט איר וואַרטן, „ביז איר וועט כאַפּן אַ צווייטן אויסוורף, „ווי מענגעלע, באַרמאַן און אַנדערע, זאָלן „זיי אים אויפהענגען. זיי קענען די מלאכה „בעסער פון אייך — און זיי וועלן עס טאָן „מיט גרויס פאַרגעניגן״.

„וואָס שייך מיין האָנאָראַר, האָבן מיר „אייכמאַנס פריינר אין רייטשלאַנר פאַר־„שפּראָכן אַ גרויסע סומע, אויב איך וועל „באַווייזן צו ראַטעווען זיין קאָפּ. בעט איך „אייך, אַז נאָכדעם ווי מען וועט אים האָבן „אַראָפּגעריסן דעם קאָפּ, זאָלט איר אים „איינפּאַקן אין אַ פּעקל און צושיקן צו מיר „קיין קעלן, ווו איך וועל קענען נעמען אַ „גרעסערע סומע פאַרן אָפּגעראַטעוועטן „קאָפּ. דעם איבעריקן טייל פון פיגר, „וואָלט גוט געווען, ווען איר שיקט אים „צוריק צו פראַנריזין קיין בוענאָס־איי־„רעס. נאָכדעם ווי ער האָט אַזוי מרעיש „עולמות געווען, אַז מען זאָל אים צוריק „געבן אייכמאַנען, וועט עס אים זיכער „פאַדשאַפן אַ גדויסע פדייד״.

„זאָ, איך ראַנקע שעין״!

א קול קורא צו אלע בונדישע קיבוצים אין ישראל

אין „אונזער שטימע״ נומער 763 לייע־נען מיר אַן אויסצוג פון „היימיש״, וואָס רער שדייבער משה גראָסמאַן גיט אַדויס אין ישראל און אין וועלכער עס געפינט זיך אַ מאמר, אַז פנחס לבון האָט מיס־ברויכט מיט דעד דעמאָקראַטיע דעדמיט, וואָס ער האָט פאַרוואַנדלט אַ פעדזענלעכע עוולה אין אַ פאָלקס־עוולה. דעדביי וועדט דער פדעמיעד דור בן־גוריון געלויבט און עס וועדט ראָדט געזאָגט, אַז...

„און מיר ווילן אפילו נישט וויסן „זיינע קליינע חסרונות. ס׳פּאָלק און „די מדינה דאַרפן האָבן בן גוריונען״.

קלאָר, אַז אַזאַ פּראָוואָקאַציע מצר משה גראָסמאַנס צייטונג, האָט נישט געקענט און נישט געטאָרט בלייבן אומבאַשטראָפט. רער פאַדיזער „בונר״ האָט תיכף ומיד רעאַגידט דורך פאַרעפנטלעכן אַן אויפרוף צו אַלע בונדישע קיבוצים אין ישראל, אַז מען זאָל מהיום והלאה אויפהערן לייענען די צייטונג „היימיש״.

אַ חוץ דעם האָט נאָך די ח׳טע דינע ריבאַ פאָרגעשלאָגן צו פּראָקלאַמירן אַ תענית־דינה אויפן 20־טן מאַי צווישן 9 און 10 פאָרמיטאָג און עס זאָל בעת מעשה פאָרקומען אין תל אביב אַ מאסן־מאַניפעסטאַציע מיט פאָלגנריקע טראַנס־פּאראַנטן:

« Artuski au pouvoir ! »

„מיר ווילן נישט אזא רעמאָקראַטיע, ווו יעדער האָט רעכט צו שרייבן וואָס ער וויל״!

„מיר ווילן א בונרישע רעגירונג אין ישראל״!

(סוף זייט 4)



שוין דרייצן יאָר ווי דער אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם האָט זיך דאָרט פאַרפעס־טיקט, מיט קנאַפּע צוויי מיליאָן זעלנער, וואָס זענען כלומרשט פאַרשטעלט אַלס יידן.

■

כרושטשאָוו אין די ראַמען פון גראַמען

13 ליעט?
ניעט!
ווער וועט עס גלויבן, ווער?
אַז שיקן נאַסערן געווער,
אַפּקויפן אַ ישראל בער,
און אַנשטאָט אַהין, איז גאָר
אַהער!
יע באָהו, מיט זשידעס איז
שווער...
(ס׳איז נישט פון פאָפיערניקאָוו).

■

ווונטשן צום יום העצמאות

די פאַרייניקטע בעקער־קאָרפּאָ־ראַציע פון פלעצל ווינטשט דער יירישער מרינה צום יום העצמאות פון בר מצוה־יאָר, אָז די יידן אין ישראל זאָלן האָבן ברויט צו דער זעט און נישט דאַרפן מאַכן קיין... המוציא לחם מחוץ לארץ.

1) «Le gai savoir» de Nietzsche (p. 135

עטלעכע ווארעמע ווערטער וועגן א „מיניאטור-ביבליאטעק"

אויפצייכענער

באמת אַ גוטער אויפטו מצר משה וואַלרמאַן אַרויסצוגעבן אַלע צוויי חרשים אַ בראָשורקע — און ווער שמועסט נאָך, אין נאָמען פון אַלוועלטלעכן ייִדישן קולטור־קאָנגרעס. איז עס אוודאי מה טוב.

עס איז אויך נישט מער ווי רעכט, וואָס ער האָט באַלד אָנגעהויבן מיט א. ווייצס נאָוועלקעס — און נישט עפּעס סתם מיט אַ ליטעראַרישן ליליפּוט — ווייל די ערשטע, אַזוי צו זאָגן, „וויזיט־קאַרטע" ראַרף טראָגן אַ נאָמען פון אַן אַנטשפּרעכנדיקער „פירמע".

אוודאי זענען תמיד פאַראַן אַזעלכע וואָס באַציען זיך קריטיש צו אַזאַ מין אַרבעט, אַזוי ווי, למשל, די, וואָס האַלטן, אַז ער האָט נישט באַדאַרפט באַלד אָנהויבן מיט אַזאַ ריז, נאָר אַז עס וואָלט זיך בעסער געפּאַסט, ווען ער הויבט אָן ביי זיך אַליין. אַזוי אַרום וואָלט דער טאַלאַנט פון מחבר קאָנקאָרדירט מיטן נאָמען פון דער ביבליאָטעק. נו, גיי, הער זיך צו וואָס מענטשן רעדן אַלץ.

זאָלן מענטשן זאָגן וואָס זיי ווילן. אָבער ווען מען לייענט איבער די נאָוועלע וועגן די ארבעה בנים אין „תפיסה־קאַלענראַר". פאַרלירט זיך סיי ווי באַלד יענע נייגינג פאַר בייזוויליקער קריטיק, ווערנדיק פאַרכאַפּט פון אַ גייסטיקן נחת רוח, וואָס האַלט אייך פעסט און לאָזט אייך נישט אָפּ ביזן סוף. אַזוי, למשל, קריצט זיך ביים לייענער איין אין זכרון אַזאַ מין אָפּזאַץ, וואָס, עס וועט אפשר נישט זיין איבערגעטריבן צו זאָגן, אַז מיר געפינען אים נישט ביי ראָסטאָיעווסקין, נישט ביי גאָגאָלן — פון מאַקסים גאָרקי איז שוין בכלל אָפּגערערט — ווי דער „ראַזגאָוואָר" אין דער תפיסה־צעלע וווּ עס זיצן 4 (פיר) מאַן :

„פּויק מיטן קאָפּ, וועט דיר זיין לייכטער, כאַ־כאַ־כאָ ! וועק נישט די שכנים פון שלאָף ! לאָז זיי רוען ! עס איז דאָך אַ ביליק אָפּרו־הויז. ס'קאָסט נישט קיין דירה־געלט, נישט קיין עסן ! ווען מען גיט נאָך צו אַ שיינע נקבה. כאַ־כאַ־כאַ ! (זע זייט — 30).

געוויס זענען פאַראַן באַמערקונגען וואָס האָבן יאָ אַ שטיקל באַרעכטיקונג. אַזוי למשל קלאָגט זיך אַ לייענער הלמאי דער מחבר אינפאָרמירט אונז אין זיין ערשטער נאָוועלע, אַז ער האָט געטראָגן אַ העלן אַנצוג מיט געלע שיך און שוואַרצע זאָקן, אין דער צייט ווען אין די אייבעריקע 5 דערציילונגען ווייסן מיר שוין לחלוטין נישט צי דער מחבר האָט בכלל עפּעס געהאָט איפן לייב. דאָ מוזן מיר צוגעבן, אַז דער לייענער איז נישט אומגערעכט. ווייל ממה נפשך, דאַרף דער לייענער וויסן וועגן דער טעקע און וועגן די בגדי מלכות וואָס דער שרייבער טראָגט אין מאי 1960, לעכצט ער פונקט אַזוי צו וויסן וואָסאַרע קאַפּאָטע ער איז געגאַנגען אָנגעטאָן אין סעפּטעמבער 1960.

אָבער דאָס איז נישט מער ווי אַן אומבאַרייטנדיקער בלויז וועגן וואָס עס לוינט ניט צו רערן פונקט ווי סוואָלט געווען לעכערלעך צו דערמאָנען די טענה פון אונזער פריינט ר' לייזער, אַז ווען מען גייט שפּאַצירן אין אַ תפיסה, האַלט מען קיינמאָל נישט די הענט געשלאָסן אויפן הינטן, נאָר פאַרלייגט אויף הינטן. צי דאָסגלייכן, מכוח דעם זאַץ, וווּ דער מחבר דערציילט (זייט 31), אַז ער דערטע פלייצעס". דאָס איז נישט מער ווי אַ קענט די יירן לויט זייערע „אויסגעקרומבאַוויז, דאָס דער מחבר קוקט בלויז אויבערפלעכלעך, היות עס זיינען דאָך זיכער פאַראַן נאָך אַנדערע סימנים (מער זיכערע) וויאַזוי צו דערקענען אַ ייד.

אַ סברה, אַז יערנס געשמאַק קאָן אַפילו אַזאַ שרייבער ווי ווייץ אויך נישט צופרירנשטעלן. אָבער וואָס שייך דעם אַרויסגעבער וואַלרמאַן, צו אים קען מען יאָ האָבן אַ שטיקל טענה. דער חשבון פון אַרויסגעבן 6 בראָשורן אַ יאָר, שטימט נישט מיטן אָנהויב. ווייל אין אַזאַ פאַל, ווען דער שרייבער־פאַריין האָט 72 מיטגלידער, וועלן דאָך זיכער זיין אַזעלכע וואָס וועלן מוזן וואָרטן 10 און 12 יאָר, ביז זיי וועלן קומען אין דער ריי. האָט וואַלרמאַן נישט באַראָרפן אָנהויבן ביי איינעם „פון יינגערן רור שרייבער" (ווי ער זאָגט עס אין זיין הקרמה), נאָר אָנהייבן קודם ביי די עלטערע, וואָס פאַר זיי איז 12 יאָר אפשר אביסל צו לאַנג צו וואָרטן...

איצט אַ צווייטע פראַגע : אויב מען קריגט שוין יאָ געלט לרוב, וואָס מען קען זיך דערלויבן אויף פאַרשירענע פאַנטאַזיעס, פאַרוואָס זאָל וואַלרמאַן נישט צוריק אָנהייבן אַרויסגעבן דעם קינדערזשורנאַל : „פאַר אונזערע קינדער" ? אַפילו, לאָמיר זאָגן, היות יאָרן שטייען נישט און די צייטונג וואָלט אפשר איצט שוין באַראָרפן הייסן . „פאַר אונזערע אייניקלעך", איז דאָך נאָך אַלץ גענוג וויכטיק — אויב נישט נאָך וויכטיקער ווי אַזאַ מיניאַטור־ביבליאָטעק — און פאַרוואָס נישט טאַקע אַרויסגעבן ביירע, סיי דעם קינדער־זשורנאַל, סיי די מיניאַטור ביכלעך ? ווי זאָגט ער ראָרט אונזער קלוגער קוהלת : טוב אשר תאחז בזה. וגם מזה אל תנח את ירך.

נו, מילא, אָבער נאָך די אַלע פריינטלעכע באַמערקונגען איז עס קאַ־מעם אַ גוטע אַרבעט — און ווי מען זאָגט : דער אָנהויב איז געווען אַ גוטער, הלוואי דער סוף זאָל אויך גוט זיין. **נ. ס.**

פאַרוואָס ?

— פאַרוואָס האָט „ראָמען־ייִריש" אויפגעהערט דערשיינען ? איז עס נישט אַמאָל אַ ווונק פון דער פורצעוואַ ?

— געטראָפן : כדי „ראָמען־קעוויטש" זאָל נישט האָבן וואָס אַראָפּצורייסן.

פ אַ ר ו ואָ ס ?

— אפשר ווייסט דו פאַרוואָס „שפּילקעס" דערשיינען אין אַזאַ קליינעם פאָרמאַט ? ,

— כדי נישט אַרונטער צו פאַלן אונטערן שטראָף־קאָדעקס פון

Signe exterieure de richesse.

אַ פאַריזער ייִדישער מאַרשאַן זאָגט :

עס זענען פאַראַן דרייערליי יאַרירן :

1) אַ גוטער יאַריר, אַז איך פאַררין און יענער דערלייגט;

2) אַ מיטלמעסיקער יאַריר, ווען מיר ביירע פאַררינען;

3) אַ שלעכטער יאַריר, ווען יענער פאַרדינט מער פון מיר.

צווישן „פלעצל"־יידן

— וואָסער שטראָף, מיינט איר, וועט קריגן דער איכה־מאַן ?

— עס, וואָסער שטראָף ער זאָל נישט קריגן, וועט עס אַלץ קיין נחמו נחמו עמי נישט ווערן.

אַ האַרציקן מזל טוב מיין ליבן חבר און פריינר

ד"ר מאַרק דוואָרזשעצקי

און פרוי

(תל אביב)

צו דער בר־מצווה פון זיי'ער זון

דוב צבי

אויף וועמענס ברית (אין פאַריז) איך בין ערשט „נעכטן" געווען.

א. א. ליבערמאַן

די בעסטע ברכות מיין ליבן קאָלעגע

א. שיינפעלד (ניו־יאָרק)

און פרוי

צו דער בר־מצווה פון זייער זון

דוד צבי

א. א. ליבערמאַן

האַנרי געראָ

און ראָסיטאַ לאָנדנער

פאַרבלייבן אויף תמיד אין פאַריז

און איר וועט קענען הערן זייערע וווּנדערבאַרע ייִדישע פאָלקס־לירלעך (אַקטואַליזירט) ביי זיך אין שטוב, ווען איר וועט אייך קויפן זייער נייעסטע פּליטע ביי

O. S. I.. Rue des Rosiers.

„מיר דארפן אייך נישט...״

אין „אונזער שטימע״ פון 15 אַפּריל ד. י. האָט אונזער חשובער קאָלעגע באַר־ווין פרענקל פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל אונטערן זייער געלונגענעם קעפּל: „מיר דאַרפן אייך נישט״. דער מחבר קלאָגט זיך, הלמאי עס האָט זיך נישט געפונען אין אַזאַ גרויסער וועלט־ און קולטור־שטאָט ווי פּאַריז קיין 100 יידן, וואָס זאָלן קומען זען די 100 אויסגעשטעלטע בילדער פון 60 יידישע מאָלער. עס זענען געקומען בלויז 50 יידן, וואָס עס מאַכט אויס אַ האַלבער ייד אויף אַ בילד. באַרווין־פרענקעל מאַכט דעריבער דעם לאָגישן אויספיר, אַז... „מיר דאַרפן אייך נישט, יידישע מאָלער״...

באַמערקונג פון רעדאַקציע :

מיר זענען זייער באַגייסטערט מיט דעם קעפּל, וואָס מיר וועלן מהיום והלאה מאַכן פאַר אַ שטענדיקע רובריק אין אונזער צייטונג. אונטער דער ראָזיקער רובריק וועלן מיר מזכיר זיין געוויסע אינסטיטוציעס און געוויסע כלל־טוער, וואָס וועלן ראָרט גע־פינען זייער פּאַסיקן אָרט. ראָס זעלבע אויך וועגן געוויסע שרייבער און געוויסע ביכער, צו וועלכע אונזער פריינר יעקב גלאַטשטיין איז אַזוי מילר.

ראַקעגן, וואָס שייך באָרווין־פרענקעל, האַלטן מיר, אַז ער איז אַביסל מגזם. ווייל אָט האָבן מיר ערשט נישט לאַנג געלייענט אַן אַלאַרם־אַרטיקל פון אונזער צוקונפ־טיקן מיטאַרבעטער יחזקאל קאָרנהענר־לער, אַז אויפן קבר פון מאָלער סוטין איז פאַראַן אַ צלם ! דערפון איז געררונגען, אַז עס איז פאָרט פאַראַן אַן אויג, וואָס וואַכט איבערן כבוד פון יירישן מאָלער, אַז ער זאָל חלילה נישט פאַרשוועכט ווערן. אמת, אַז ראָס וואַכן הויבט זיך אָן מיטן טאָג, ווען רער מאָלער האָט שוין צוגע־מאַכטביידע אויגן — אָבער ראָס איז שוין נישט וויכטיק, רער עיקר איז וואָס רער מאָ־לער בלייבט נישט הפקר נאָכן טויט — אָבער זאָרגן פאַרן מאָלער נאָכן טויט און זאָרגן אויך פאַר אים ביים לעבן, איז שוין אַביסל צופיל פאַרלאַנגט ! אַביסעלע באַ־שיידנקייט חברים ! אַלאָן !

ג. ד.

פּאָליטישע שמועסן אין אַ יידישן רעסטאָראַן

גאַסט ביי ציבעלעס מיט אייער :

— רע גאָל איז אַ בריה, אויב ער האָט באַוויזן צו ליקווידירן רעם אויפשטאַנר.

גאַסט ביי אַ גולאַש :

— נישט געפּערלעך... עס האָט אים צו־געשפּילט ראָס זעלבע מזל, וואָס פּירל קאַסטראָ...

גאַסט ביי אַ קאַרפּן־קאָפּ : — וואָס הייסט ?

גאַסט ביי פלוימען־צימעס : — נישט שווער צו פאַרשטיין : ווען ביי פּירלען עס האָט נישט געפּירלט, האָט ער געוווּנען אַ ראַנק רעם, וואָס אַמעריקאַנער מיליטער־עקספּערטן האָבן „געהאָלפן״ רי אויפ־שטענרלער... און שאַל אין אַלזשיריע האָט אויך פאַרשפּילט, ווייל אַמעריקאַנער האָבן אים צוגעהאָלפן...

אין די צייטן פון אויפשטאַנד

דע גאָל טעלעפאָנירט צום פּרעמיער דעברע :

— וואָס הערט זיך אין אַלזשיריע ?

— כ׳האָב נישט רי מינרעסטע אַנונג.

רע גאָל לייגט אַוועק ראָס טרייבל מיט אַ זיפץ : „ער לייענט אפילו קיין צייטונ־גען אויך נישט״...

■

אַ זאָגעכץ

נאָך נישט מיט אַזאַ „שאל״ קען מען רערשטיקן פראנקרייך.

אין געריכטזאָל

ריכטער : איר האָט איינער אַליין באַ־וויזן אַרויסצוגנבענען אַזאַ שווערע קאַסע ? איר האָט זיכער געמוזט האָבן דערצו א שותף ?

גנב : איינער אַליין, ווייל ביי אונזער פאַך איז שווער צו קריגן אַן ערלעכן שותף.

אונזערע מעדיצינישע עצות

ווי יערע צייטונג וואָס רעספּעקטירט זיך, וועלן אויך „שפּילקעס״ איינפירן אַ מעריצינישע רובריק. מיר האָבן לכתחילה באַשלאָסן איינצופירן רי רובריק אונטערן קעפּל : „מיר וועלן ריך געזונט מאַכן״. צי גאָר אַזאַ מין אָריגינעל קעפּל, ווי : „צאָ טשיען באָלי״ ? מיר האָבן שוין גע־האָט אַנגאַזשירט רעם באַקאַנטן ר״ר עמא־נואל טאָפּ פון ניו־יאָרק, אַז ער זאָל אַליין פרעגן און אַליין ענטפערן, געוויינלעך ווי עס פירט זיך. אָבער אין רער לעצטער מינוט האָט רי רעראַקציע קאָלעגיע אָנ־גענומען איינגאַנצן אַן אַנדערן באַשלוס. היות ווי אונזערע מיטאַרבעטער זענען אַלע ווייט נישט יונגע מענטשן, היות יערער איינער פון אונזערע מיטאַר־בעטער האָט לכל הפחות רריי־פיר קרענק, זענען מיר אליין אימשטאַנר צו געבן רי בעסטע מעריצינישע עצות,, וואָס מיר וועלן רדוקן אונטערן קעפּל : „פרעג ניט ביים רופא נאָר ביים חולה״. אגב גיבן מיר אייך שוין אין ערשטן נומער אַן ערשטע שאלה מיט אַן ערשטע תשובה :

פראַגע : געוואַלט, יירן ! כ׳האָב אַ הויכן בלוט־רדוק, וואָס טוט מען ?

ענטפער : בלוט־רדוק איז נישט קיין קראַנקהייט, נאָר אַ סימפּטאָם; ווען איר וועט אייך פילן האָפנונגסלאָז שלעכט כאַפּט אייך אַרויף אין רעראַקציע, וועלן מיר אייך געבן אַן אַררעס צו אַ גוטן פּראָפעסאָר פון סימפּטאָמען.

מיט אַכטונג און רפואה־שלימה ווונטשן, רעדאַקציע „שפּילקעס״
אַסקלעפּיאָס

הערט וואָס „זיי״ זאָגן

גאָט האָט באַשאַפן רי וועלט מיט גאָר־נישט.

רערפאָר האַלט זיך רער גאָרנישט פאַר א גאנצע „שישקע״.

פאָל וואַלערי

וואָס איז אַ מענטש ?

עפּעס האָט ער וואָס ער וויל נישט.
עפּעס וויל ער וואָס ער האָט נישט.
א לוצקי

ווען מ׳זאָל באַווייגען אלע די, וואָס פאַלן, וואָלט מען באַראַרפט פאַרגיסן צו־פיל טרערן.

וואַטאָבריאַן

רעדאַקציע „שפּילקעס״ לאַדט איין אויף אַ גלעזל ציקאָריע

צווישן רער גרויסער צאָל אויפגאַבן וואָס רי רעראַקציע „שפּילקעס״ האָט זיך געשטעלט, איז אויך פאַראַן ראָס איינ־פירן אַ טראַריציע אין יערן נומער איינ־צולאַרן אַן אַנרערן גאַסט אויף אַ גלעזל ציקאָריע. פאַרשטייט זיך, אז נאָר אַזעל־כע וואָס האָבן זיך מיט עפּעס אויסגע־צייכנט.

אינעם היינטיקן נומער לאָרן מיר איין אונזער פריינט וואָרשאַווסקי, רעראַק־טאָר פון רי „ציוניסטישע בלעטער״, פאָר האָבן פאַרעפנטלעכט אין ערב פּסח נו־מער אַ פאָטאָגראַפיע פון אַ יינגל וואָס גריזשעט אַ מצה — און צוגעגעבן פאָלגנ־דע קלוגע אונטערשריפט — „אַ מחיה, ווי געשמאַק עס איז רי פּסחריקע מצה״...

איבעריק צו זאָגן, אַז צו אַזאַ גייסט־רייכע אונטערשריפט אונטער רער קלי־שע, וואָלט זיך געפּאַסט צוצוגעבן כאָטש נאָך ראָס וואָרט „מיאָם־מיאָם״. וואָלט עס געהאָט נאָכמער חן. אָבער עס איז אַזוי אויך נישקשה...

ה. ז.

נישט מיט וויינען נאָר מיט לאַכן...
...וועלן מיר די וועלט איבערמאַכן

„ווען איך וואָלט געווען ראָטשילד"

איינדרוק פון אַ חתונה וואָס ראָטשילדס טאָכטער האָט ערשט נישט לאַנג געפּראַוועט אין דער קירכע פון דער „הייליקער מאַגדאַלענע"

אַז אַ פּאַריזער ראָטשילד מאַכט חתונה אַ טאָכטער, איז קלאָר, אַז אַזאַ ייד ווי איך זאָל זיך פילן ווי אַ מחותן פון כלה׳ס צד — סיי פון קבצנישן שטאַנדפּונקט, סיי פון יידיש־נאַציאָנאַלן — און אַחוץ מזה פירן מיד דאָך צווישן זיך אַ קאָרעספּאָנדענץ. שוין מכמה יאָרן ווי ער שדייבט מיר צו בריוועלעך, אַז איך זאָל אים שיקן געלט פאַר זיינע אינסטיטוציעס, ווי „פאָנד סאָסיאַל זשוויף" און אַנדערע.

האָב איך טאַקע עדב דער חתונה זיך געלאָזט אויספּרעסן אַ ריין העמד, אָפּגעפוצט די קאַמאַשן און זיך געלייגט פרי שלאָפן, כדי צו קענען אויפשטיין גענוג פרי אויף קענען באַוויזן אָנצוקומען צו רער צייט אין דער קירכע.

ביינאַכט האָט זיך מיר דערווייל פאַרחלומט אַ חלום, אַז איך גיי אויף דערחתונה און בין שוין כמעט ביי דער טיר פון קלויסטער, באַמערק איך אַ אַלטן ייד וואָס שטייט און וויינט יאָמערלעך, אַז עס האָט מיר אויפגעריסן ס׳האַרץ. דערביי הער איך ווי דער ייד שעפּטשעט: „דאָס איז צו דער 149־טער יאָרצייט... „איין גאָט ווייסט, אַז ניט דאָס איז געווען מיין חלום"... „איך האָב געהאָפט, אַז מיינע זעקס בנים וועלן פירן קריסטן אין שול אַריין און נישט אומגעקערט"...

איך דערנענטער זיך צו דעם ייד און פרעג אים: „ר׳ ייד, וואָס וויינט איר? און ווער זייט איר?

— און אַז כ׳וועל אייך זאָגן, וועט איר וויסן? איך הייס מאיר אַנשל, בין פון פראַנקפורט אַם מיין... און וויינען ווין איך אויף אונזער ביטערן גורל, וואָס אַ ליאַדע „כוועדקע" קען ווערן אונזער חתן, אַ ליאַדע "פאַן וויאַדאָמסקי" קען ווערן אונזער מחותן...

ביי די ווערטעד וואַקסט פלוצים נעבן אונז אויס אַ צווייטעד ייד, מיט אַזאַ שפרוך:

— אַנטקעגן דעם, וואָס איר האָט נאָר וואָס געזאָגט „כוועדקע"... מיין חוהלען קענט איד דאָך... ריינע סמעטענע מיט רייִנעם קעז... האָט מיד גאָלדע סעדצע געפלעגט זאָגן: „אוי וויי טוביה, נעם דיך נישט איבעד: אַז אַ קדיסט נעמט אַ יידיש מיידל, איז עס „אָפּגעגעבענע זאַכן": מיט אַ פּאָר יאָד שפּעטעד, גיט עד זי צוריק אָפּ"...

דאָ האָב איך דעם ייד איבעדגעדיסן אינמיטן רעדן:

— מיסיע, — זאָג איך — קודם לאָזט אָפּ דעם קנאָפּ פון מיין מאַרינאַרקע; והשנית ווייס איך ניט וועגן וואָסערע חוה, וואָסערע קעז, וואָסעדע סמעטענע איר רעדט; דדיטנס האָב איך נישט דערמאָנט דעם נאָמען „כוועדקע" און לאָזט מיך גיין, סיל ווו פּלע!

ביי די ווערטער דדיי איך מיך צוריק אויס צו מיין עדשטן ייד און... והייד איננו... איך זע אים נישט מער... פאַרשוואונדן... וויל איך אָנהויבן רעדן צום צווייטן ייד — אויך פאַרשוואונדן... האָב איך זיך פלוצים דערפילט פאַרלאָזן און האָב אָנגעהויבן שרייען, דופן: ר׳ מאיר אַנשל! ר׳ טוביה, חוהלע! גאָלדע!... נעכטיקע טעג, אַלע זענען אַוועק...

א. ב.

■

מיר אַנטשולדיקן זיך

וואָס צוליב אַן איבערפלוס פון מאַטעריאַלן האָבן אַ געוויסע צאָל אַרטיקלען ניט געקענט אַריין אין היינטיקן נומעד, צווישן זיי אויך דאָס אַרטיקל וועגן מאָלער בען, פאַרוואָס ער האָט באַקומען די אויסצייכענונג פון פאַריזער שטאָטראַט און אַן אָפּהאַנדלונג וועגן זיין אַלבום וואָס איז אַרויסגעגעבן דורך

Edition d'Art et Industrie - Paris.



„13 יאהדע ...
„איך בין אונשולדיק ...

וויסן זאָלט איר, אַז...

די צייטונג „שפּילקעס" ווערט פונאַנדערגעשיקט צו אַ באַשטימטער עליטע אין פראַנקדייך און אויסלאַנד.

מיר נעמען דעריבער נישט אָן קיין אַבאָנענטן, מיד נעמען נישט אָן קיין באַצאָלטע אַנאָנסן — און מיר „פאַדקויפן" זיך נישט אין די קיאָסקן.

פאַר די וואָס האָבן טראָץ דעם אַן אינטערעס פאַר די „שפּילקעס", קענען זיך ווענדן שריפטלעך צום רעדאַקטאָר און זיי וועלן באַקומען צוגעשיקט.

שרייבן אויף פאָלגנדיקן אַדרעס:

A. A. LIBERMAN

20. Allée des Bouvreuils à Drancy (Seine).

ער האָט נישט געזאָגט

צודיק קומענדיק פון אַ קאָנפערענץ אין פאָלקס־אוניווערזיטעט פון דער פעדעראַציע, האָט ער שטאַרק געלויבט דעם אָראַטאָרישן טאַלאַנט פון גאָספּאַדשטיין:

— ער האָט גערעדט אַזוי שיין, מיט אַזוי פיל חכמה, אַזוי ממזדיש־קלוג!

— טאַקע? וועגן וואָס האָט ער גערעדט?

— דאָס האָט ער נישט געזאָגט.

■

אַ קול קורא צו אַלע בונדישע קיבוצים אין ישראל

(סוף פון זייט 1)

„אָפּגעבן דעם פאָדטפעל פון מיניסטעריום פאַד יידיש דעם פאַרדינסטפולן קעמפער אהדן מיעדניק, דעם אומדערמידלעכן שרייער: „יידן פון ישדאל פאַרנעמט מיין געשריי" (אַ פּראָפּאָ, פריינד גראָסמאַן, וואָס לאָזט איר אים אַזוי פיל שרייען, ער וועט אונז נאָך חלילה הייזעריק ווערן).

אין פאַל, ווען עס זאָלן אויספעלן הענט אויף טראָגן די אַלע טדאַנספּאַדענטן — זאָגט זיך ווייטער אין דעם אויפרוף — זאָל מען דינגען פראָפעסיאָנעלע טדעגערס.

דער אויפרוף איז פאַרענדיקט מיט פאָלגנדיקן רירנדן זאַץ: „חברים בונדאָווצעס! ווידער אַמאָל האָט די געשיכטע אַדויפגעלייגט אויף אונזערע פּלייצעס די פליכט צו ראַטעווען דאָס פאָלק ישראל פון אַן אונטערגייענדיקער דעמאָקראַטיע, דחמנא לצלן. מיר באַשווערן אייך דעריבער, מיט דער בונדישער שבועה, צו זיין וואַכזאַם און זיך מאָביליזירן פאַרן קאַמף פאַר דעמאָקראַטיע דורך אויפהערן לייענען „היימיש".

Imp. A. SCHIPPER OBE. 36-53